אַבֿרהם רייזן

דער ייִד וואָס האָט חרובֿ געמאַכט דעם טעמפּל

אין דעם קליינעם ווילעדזש ווו איך האָב זיך געפֿונען אויף מײַן וואַקאַציע איז דער אַמעריקאַנער בירגער הענרי ראָוז געווען מײַנער אַ שכן. דאָס הויז, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, איז געשטאַנען נעבן מײַן האָטעל. ער וווינט שוין אין דעם דאָזיקן ווילעדזש שיינע עטלעכע יאָר, מאַכט גרינג זײַן לעבן און האָט אַ סך צײַט צו פֿאַרברענגען.

אמת, ניט מיט יעדערן וועט ער פֿאַרברענגען. ער איז שטאָלץ מיט זײַן אַמעריקאַניזם, קען כּמעט אויף אויסנווייניק דעם טעקסט פֿון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, ווייסט די נעמען פֿון אַלע סענאַטאָרן און פֿון די געהויבענע רעפּובליקאַנישע קאָנגרעס-לײַט און רופֿט זיי אפֿילו הינטער די אויגן מיטן טיטל „האָנאָרעיבל”.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז פֿון אַמעריקע האַלט ער זייער שטאַרק און לאָזט אויף אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס ניט פֿאַלן קיין שטויבעלע.

אַ גליק איז, וואָס הענרי ראָוזן איז נאָך אַלץ לײַכטער צו ריידן ייִדיש איידער ענגליש. דערפֿאַר רעדט ער מיט מיר טאַקע מאַמע-לשון. נאָר אַז דער געשפּרעך קומט פֿאָר אין דרויסן און אַז אַן אמתער אַמעריקאַנער גייט פֿאַרבײַ, האַקט ער איבער דעם שמועס, און גריסט זיך אויף אַ ריינעם ענגליש מיטן דורכגייער: „האַו דו יו דו, מר. נעלסאָן? ווערי נאַיס דעי... באָט מעי בי ט'וויל רעין לעיטער”... אָפּגעזאָגט דעם פּסוק און באַקומענדיק פֿון דעם אמתן אַמעריקאַנער אַ צושטימונג, אַז „יעס”, צי „מעי בי”, ווענדט ער זיך שוין ווידער צו מיר אויף ייִדיש און דערקלערט מיר, ווער דער נעלסאָן איז און ווי אַזוי ער איז מיט אים באַפֿרײַנדעט. נאָך דעם דערציילט ער מיר, אַז איבערהויפּט לעבט ער זייער גוט

מיט די אַמעריקאַנער. „זיי זײַנען זייער פֿײַנע מענטשן" – און ער זאָגט מיר נאָך דעם א סוד אויפֿן אויער:

– בעסער, ווי אונדזערע ייִדן...

קען מען דאָך מיינען, אַז העגרי ראָוז איז, חלילה, אַ שׂונה-ישׂראל, מוז מען אים גלײַך רעאַביליטירן פֿון דער דאָזיקער באַשולדיקונג. פֿאַרקערט, ער איז אַ אוהבֿ ישׂראל, אָבער טאַקע טראָץ זײַן ליבע זעט ער אויך זייערע חסרונות.

דער ערשטער חסרון זייערע איז, וואָס זיי אַמעריקאַניזירן זיך שווער.

– זייער שווער! – זיפֿצט ער אַרויס, און מ'זעט ממש, אַז עס קאָסט אים אַ שטיק געזונט.

איך בעט בײַ אים אַ בײַשפּיל, ווײַל מיר דאַכט זיך, אַז די ווילעדזש-ייִדן זײַנען שוין צו פֿיל אַמעריקאַניזירט.

ברענגט ער מיר לדוגמא אַ מעשׂה מיט אַ טעמפּל.

די מעשׂה מיט דעם טעמפּל איז אַזאַ:

אין ווילעדזש האָבן זיך אָנגעקליבן עטלעכע צענדליק ייִדישע פֿאַמיליעס, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מ'מוז האָבן עפּעס אַ שטיקל הײַזל פֿאַר „גאָטעס-דינסט"... מען מעג זיך טאַקע זײַן ניט פֿרום, אָבער עס פּאַסט ניט פֿאַר די גויים. זיי האָבן זייער קירך, דאַרפֿן מיר האָבן אונדזערע. נאַטירלעך, הענרי ראָוז מיינט ניט אַ קלויז ווי אין יוראָפּ דאָרטן, נאָר אַ קליין טעמפּעלע, אויפֿן איידעלן וועג. אָנשטאָט אַ חזן – אַ קאַנטאָר; אָנשטאָט אַ רבֿ – אַ ראַבײַ אד"גל.

אין געלט איז דווקא ניט קיין מניעה, אַלע ייִדן זײַנען קיין עין-הרע ניט...

מ'האָט געקויפֿט אַ שטיקל פּלאַץ פֿון אַ חשובֿן אַמעריקאַנער בירגער, וואָס ווי באַלד פֿאַר אַ ייִדישער „טשווירטש", האָט ער פֿאַר זייער ביליק אַוועקגעגעבן. אויסגעבויט אַ שיינעם, קליינעם

טעמפּל. ער האָט אויסגעזען פֿון דרויסן כּמעט ווי זייערער, אויפֿן אַמעריקאַנער אופֿן. אינעווייניק איז עס געווען מעשׂה סינאַגאָגע. נאָר ראָוז האָט עס גערופֿן טעמפּל, ווי ער געדענקט נאָך אין די גרויסע שטעט אין אייראָפּע, אין די העכערע קלאַסן.

– וואָס-זשע איז דער חילוק פֿון אַ טעמפּל ביז אַ קלויז? – שטעלט מיר הענרי ראָוז אַ פֿראַגע און ענטפֿערט גלײַך אַליין:

– אין אַ קלויז דאַוונען אַלע מיט. אין אַ טעמפּל, אָבער, לאָזט מען עס דעם קאַנטאָר, און דער עולם – אָדער ער שווײַגט, אָדער אַז איינער וויל זיך שוין דווקא ניט פֿאַרלאָזן אין גאַנצן אויפֿן קאַנטאָר, זאָגט ער מיט, אָבער אין דער שטיל, עס זאָל ניט ווערן קיין טומל.

און אַזוי איז טאַקע געווען אַ פּאָר יאָר. מען האָט פּשוט מורא געהאַט בײַם „גאָטעס־דינסט״ צו עפֿענען דאָס מויל. עס פּאַסט ניט. עס איז דאָך, ווי זאָגט איר, אַ טעמפּל.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשׂה און אין אַ שיינעם זומער מופֿט אַרײַן אין ווילעדזש אַ ייִד מיט אַ באָרד, טאַקע פֿון יענע אמתע אייראָפּייִשע אידן, און עפֿנט זיך אויף אַ סטיישאָנערי און ווערט דאָ אַ תּושבֿ. קיין בירגער איז ער טאַקע ניט, נאָר אַ תּושבֿ יאָ. איר פֿאַרשטייט? פֿאַרשטיי איך שוין, אַז פֿון דעם ייִד וועלן מיר דאָ קיין כּבֿוד ניט האָבן... מילא, די באָרד, ווי די באָרד, אמתע יענקיס טראָגן אויך בערד, כאָטש זייערע בערד זײַנען עפּעס בכּבֿודיקערע... נאָר וואָס דען? דער דאָזיקער ייִד קומט צו גיין אין טעמפּל און פֿרעגט אים בחרם דעם חילוק פֿון אַ טעמפּל ביז אַ שול!... דער קאַנטאָר לאָזט אויס, הייבט ער אָן מיט אַ ניגון, ווי אין איישישאָק... עס איז מיר געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן, ער הרגעט אַוועק דעם טעמפּל.

גיי איך צו צו אים נאָך גאָטעס-דינסט און באַמערק אים איידל, אין ייִדיש:

– מיסטער, – זאָג איך – דאָס איז אַ טעמפּל, ניט קיין בית־מדרש... דאָ איז ניט אָנגענומען הויך צו דאַוונען...

שמייכלט ער און ענטפֿערט:

– אַז מען קען מאַכן אין אַמעריקע פֿון אַ טשוירטש אַ שול, מעג מען דאָך פֿון אַ טעמפּל אַ בית־מדרש אַוודאי מאַכן.

און מיינט איר, ער האָט ניט אויסגעפֿירט? ער האָט שוין געהאַט אַזאַ כּוח אין זיך. ווי ער פֿלעגט אַ געשריי טאָן מיט זײַן היימישן ניגונדל „ברוך שאמר" – האָט זיך דערוועקט בײַ נאָך איינעם דער חשק, בײַ אַ דריטן, בײַ אַ פֿערטן; פֿריער אַ ביסל פֿאַרזיכטיק, שטילער, נאָך דעם העכער, העכער... ביז עס איז געקומען צו די הללויהס און נאָך דעם צו קריאת שמע – איז געוואָרן אַ יעלה, ווי אין אַן אמתן בית-מדרש... און צו חזרת הש"ץ האָט זיך אויך דער קאַנטאָר פֿאַרגעסן, אַז ער זינגט פֿון זולצערס סידור, און איז אַוועק אויפֿן היימישן אופֿן, מיט דעם אמתן ניגון...

איצטער איז אויס טעמפּל: מען דאַוונט פּליין, ווי אין דער היים, מען שרײַט, מען שאָקלט זיך און צו עלינו שפּײַט מען אַפֿילו אויס...

(1917)

Copyright © 2004 Leonard Prager
All Rights Reserved